**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/2/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גראדואציע פון 38 ניו יארק סטעיט וואלד רעינדזשער**

***רעקרוטן טוען זיך אנשליסן אין די ראנקן פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס דיוויזיע פון וואלד באשיצונג***

***וואלד רעינדזשער ווערן באאויפטראגט צו באשיצן ניו יארק'ס קאמיוניטיס און נאטורליכע רעסאָרסן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 38 גראדזואירטע פון די 23'סטע בעיסיק שולע פאר ניו יארק סטעיט וואלד רעינדזשער. אלס א טייל פון די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס דיוויזיע פון וואלד באשיצונג, טוען ניו יארקע וואלד (Department of Environmental Conservation) רעינדזשער באשיצן די סטעיט'ס נאטירליכע רעסאָרסן און קאמיוניטיס און שטייען גרייט צו שטיצן סטעיטס איבער די לאנד אין א צייט פון עמערדזשענסיס ווי וואלד פייערס. די פייערונג וואס איז אפגעהאלטן געווארן היינט אינדערפרי אין לעיק פלעסיד האט געפייערט גראדזואירטע פון איבער ניו יארק סטעיט וואס האבן באטייליגט עקסטענסיווע געזעץ ענפאָרסמאַנט און נאטירליכע רעסאָרסן טרעינירונג אין די קלאסצימער ווי אויך אין פעלד.

"פון ראטעווען פארלוירענע אדער געשעדיגטע הייקער צו באקעמפן ווילד פייערס דא אין ניו יארק און דורכאויס די לאנד, טוען אונזערע געטרייע וואלד רעינדזשער זיך כסדר אריינלייגן אין א סכנה צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך טו אפלאדירן די נייע קלאס פון רעינדזשער פאר זייער שווערע ארבעט אין פארענדיגן א גאר שווערע טרעינירונג בשעת זיי הייבן זיך אן אנשליסן פון הונדערטע אנדערע אפיצירן וואס טוען ווייטערבאשיצן ניו יארקער און אונזערע טייערע נאטירליכע רעסאָרסן יעדן טאג."

פאר די לעצטע זעקס חדשים, האבן די רעקרואיטס דורכגעגאנגען שווערע אויסמוטשענדע טרעינירונג ביי די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאלעדזש פון ענווייערענמענטאלע סייענס און וואלד פארוואלטונג קעמפוס אין די שטעטל וואַנאַקענאַ אין די האנטינגטאן ווילדלייף וואלד אין די שטאט ניוקאום. די ערשטע 40 רעינדזשער רעקרואיטס וואס זענען אריין אין די אַקאַדעמיע אין מאי זענען געווארן טרעינירט אין א ברייטע פארנעם פון ראטעווע סטראטעגיעס- אריינרעכענענדיג ראטעווען דורך שטריק- און האבן באקומען עקסטענסיווע טרעינירונג אין וואלד פייער דערשטיקונג, בריען, ראטעווען פון וואסער און ווילדלייף שוץ, צווישן אנדערע פעיגקייטן. 38 גראדזשואירטע ווערן זיך באטייליגן אין די סטעיט'ס וואלד רעינדזשער פארס פאר א סך הכל פון 159.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ פון די מענטשן וועלכע וועלן אויס זיך אונטערצונעמען די אויסמוטשענדע טרעינירונג און שווערע ארבעט צו ווערן וואלד רעינדזשער און אנהאלטן די שטאלצע טראדיציע וואס האט זיך ערשט אנגעהויבן אין די שפעטע 1800 יארן צו באשיצן ניו יארק'ס ענווייראנמענט אודי פאבליק. איך וואונטש די

נייע רעינדזשער נאר הצלחה ווען זיי טוען אויפשטייגן אויף די נאבעלע, טשעלענדזשינג און באפרידיגונגע קאריער פון סטעיט סערוויס."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג דיוויזיע פון וואלד באשיצונג דירעקטאר, דזשאן סאולאן, האט געזאגט,** "ביים פאטראלירן מער פון פינף מיליאן אקער פון לאנד דורכאויס די סטעיט געבן אונזער וואלד רעינדזשער זיך אוועק צו פארזיכערן אז די פאבליק קען הנאה האבן אינדרויסן זיכערערהייט ווי אויך באשיצן די סטעיט'ס טייערע נאטירליכע רעסאָרסן. אונזער וואלד רעינדזשער גייען ארויס פון זייער וועג דא אין ניו יארק און טוען אפילו ארויסהעלפן אנדערע סטעיטס דורך נוצן זייער עקסטענסיווע טרעינירונג ארויסצוהעלפן באקעמפן ווילד פייערס און אנדערע געזעץ ענפאָרסמאַנט אגענטורן צו העלפן טרעפן פארלוירענע מענטשן אדער אנדערע פאבליק סערוויס. איך בין פריייליך צו האבן די מענער און פרויען זיך אנשליסן."

ביי גראדואציע, וועלן די רעקרוטן באשטימט ווערן אויף פאטראל געגנטער און זיך אנשליסן אין די וואלד רעינדזשער וואס טוען שוין דינען דורכאויס די סטעיט. אין יאר 2021, האבן די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג אויסגעפירט 426 זוכעריי און ראטעווע מיסיעס, דערשטיקט ווילד פייערס, אנטייל גענומען אין באשטימטע פייערס וואס האבן געדינט צו באנייען הונדערטע אקער פון לאנד און געארבעט אויף קעיסעס וואס האבן צוגעפירט צו הונדערטע טיקעטס אדער ארעסטן. פאר מער אינפארמאציע איבער ניו יארק סטעיט וואלד רעינדזשער באזוכט דעם דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס וועבזייטל אויף [https://www.dec.ny.gov/regulations/41086.html](https://www.dec.ny.gov/regulations/41086.html) און [https://www.dec.ny.gov/about/732.html](https://www.dec.ny.gov/about/732.html)

**אונטן איז די ליסטע פון די גראדואירטע פון די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס 23'סטע בעיסיק שולע פאר וואלד רעינדזשער:**

Matthew P. Adams, Lake Clear
Gregory M. Bowler, Saranac Lake
Ashly M. Carabetta, New Rochelle
Nicholas K. Caswell, Warrensburg
Kaitlyn E. Clute, Saratoga Springs
Alexander M. Cooley, Oswego
David P. Corey, Tupper Lake
Peter J. Dempf, Bethlehem
Sean P. Dixon, Watertown
Audrey P. Emerson, Greig
Charles R. Foutch, Syracuse
Aaron D. France, Schoharie
Chelsea L. Geyer, Northville
Mary E. Greagan, Bethlehem
Robert G. Hamm, Pittstown
Michael E. Holdridge, Peru
Erich F. Horn Jr., Kingston
Jacob C. Jansen, Tupper Lake
Nathaniel S. Laymon, Ilion
Jacob R. Maxwell, Chittenango
Michael D. Miller, Branchport
Evan R. Nahor, Long Lake

Allison M. O'Connell, Lake Pleasant
Patrick J. Odell, Keene Valley
Joseph G. Ordway, Canisteo
Christopher J. Pelrah, Constantia
Seamus K. Peterson, Hicksville
Paul D. Quinones, Saratoga Springs
Jane C. Raffaldi-Smith, West Hurley
Ryan E. Richer, Horseheads
Allison M. Rooney, Keene
Aubrey M. Russo, Patchogue
Timothy J. Schweider, Lindenhurst
Neilson J. Snye, Tupper Lake
Tanner D. Stone, Schroon Lake
Nicholas D. Streczywilk, Cheektowaga
Dustin T. Vaile, Camden
Jacqueline K. Waligory, King Ferry

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418